Biblioteka Jagellon. w Krak. Dubl.



Radom Piątek 7 Marca 1930

ראַדאָם, פרייטאג ז׳ אדר תר״ץ

פּרייז 25 גראָשען.

Redakcja i Admistracja
Radom, Szwarlikowska 20.

Oddział w Kielcach.

# ראַדאָמער-קעלצער לעבען

אנאנסען פּרייזן

איין מילימעטער שורה: פאר׳ן טעקסט 40 גר.
" " " אין " 60 "
" " " נאָכ׳ן " 25 "

די ערשטע און לעצטע זייט ענטהאלטן 8 שפּאלטען אין טעקסט 4.

SPRZEDAŻ SUKNA i KORTÓW

# I. ZALCMAN i I. SZ. RECHTMAN

**RWAŃSKA 19 FRONT I-e piętro**

מאכט בעקאנט דאָס אונזער נייע געעפענט געשעפט פון טוּך און קאָרט

איז פערזעהן מיט א רייכען אויסוואהל **טאמאשאווער, ביליצער** און **לאָדזער סחורות**

בעמערקונג: אויסגענומען ביליגע פרייזען און גוטע בעדינגונגען.

מיט אכטונג
**זאלצמאן** עט **רעכטמאן**
ראַדאָם, רווינסקאַ 19.

רחמשע בריפטרעגער חיים מאַרקאָוויטש
**פ ע ר ל אָ ב ט**
ראַדאָם, מערץ 1930.

צו דער פערלאָבונג פון אונזער ל. טאָכטער ר ח מ ש ע מיט ה׳ ח י י ם מ א ר ק אָ װ י ט ש ווינשען מיר פיעל גליק און צופרידענהייט. זאָל זייער וועג מיט בלומען בעזייערט זיין.

עלטערען, שוועסטער און ברידער.

Z intencji zaręczyn naszej drogiej koleżanki
**Ruchci Briftregerówny** z p. **Chaimem Markowiczem**
życzymy aby droga do szczęścia była na oścież rozwarta.
KOLEŻANKI:
**Regina, Henia, Rózia, Ewa, Jadzia.**

Z intencji zaślubin p. **Emilji Klajnmanówny**
z p. Adw. **Aleksandrem Wertheimem**
życzy im wiele szczęścia na nowej drodze życia.
KUZYN **Herman Cymerman.**

אונזער פריינדין א ס ת ר פ ר י י ד ע נ ר י י ך
מיט ה׳ ר א ו ב ן ז י ס ק י נ ד
צו זייער חתונה ווינשען מזל-טוב
לייבעל זילבערשטרום, בונם צוקער,
אביש מינצבערג, בער און מאָטיל זילבערשטרום.

צו דער האָכצייט פון אונזער מיטגליד י ע ק ב ז י ל ב ע ר ש ט י י ן מיט פרל׳ ר ו ז ש ע ר אָ ז ע נ ב ל א ט, ווינשען פיעל גליק און א ווייטערדיגע פּרוכטבארע טהעטיגקייט לטובת אונזער געזעלשאפט.

יודישער טורן-און-ספּאָרט-געזעלשאפט „בר-כוכבא" — אין — ראַדאָם.

# אויפרוף

## צו דער ראַדאָמער יודישער בעפעלקערונג!

אין א זעהר קריטישען מאָמענט, ביי אויסערגעוועהנליכע בעדינגונגען איז אויף אונז געפאַלען דער גורל צייטווייליג איבערצונעמען די פיהרונג אין דער ראַדאָמער יודישער קהלה.

אונזער אויפגאַבע איז יעצט דורכצופיהרען די סאַנירונג אין יודישען קהלה-לעבען אין ראַדאָם, וועלכעס איז צוגעפיהרט געוואָרען כמעט צום פולשטענדיגען רואין.

דער פאַקט, וואָס ביים איבערנעמען די קהלה-ווירטשאַפט האָט זיך אין קאסע מעהר נישט געפונען ווי גר. 28.62 זל., דאגעגן חובות 225.822 טויזענד זל. רעדט פאר זיך גאַנץ גענוג און בעווייזט די איבערגעגעבענע טהעטיגקייט פון דער פריהערדיגער פיהרונג, און דעריבער איז אונזער אויפגאַבע א דאָפעלט שווערע: פון איין זייט דאָס בעזייטיגען דעם כאָאָטיש טרויעריגען צושטאַנד, וואָס הערשט שוין א צייט פון 6 יאָהר, און פון דער צווייטער דאָס אויפלעבען און דערהויבונג די ראַדאָמער יודישע קהלה אויף איהר געהעריגער הויך, דורך שאפען עפעס פּאָזיטיוועס לטובת דעם אַלגעמיינעם נוצען פון דער יודישער בעפעלקערונג.

## ראַדאָמער יודישע בירגער!

אין אייך איז אָבהענגיג דער גורל פון אונזער שטאָדט. מיר פון אונזער זייט וועלען אָפּפערען אַלע אונזערע כוחות, כדי צו קאנסאָלידירען אַלע טעטיגקייטס-געביטען, וואָס געהען אריין אין לעבען פון יודישען קהלה-וועזען. אַלעס וואָס וועט דורך אונז געשאַפען און געטוהן ווערען, וועט זיין עפענטליך ערקלערט. אין אונזער פּראָגראַם געהען נישט אריין קיין פּארטיי-קאמפען, אָדער פּערזענליכע אַמביציעס.

אונזער דעוויז איז: רעאָרגאַניזאציע, איבערבויאונג און פּראָדוקטיווע לייסטונגען לטובת דעם כלל ישראל אין ראַדאָם — מיר רופען אייך אַלע צו הילף, בכדי איהר זאָלט אונז געבען די מעגליכקייט אוועקצושטעלן די ראַדאָמער קהלה אויף אזא מדרגה ווי ס׳פאסט און ס׳בנויטיגט זיך אזא עיר ואם בישראל.

**די צייטווייליגע קהלה-פערוואַלטונג**
**אין ראַדאָם.**

ראַדאָם, 4/3 1930.

צעהלט. ווי אזוי די אלטע האט געביך נישט געשמעקט צו געזעגענען זיך מיט זייער ממשלה, נישט קוקענדיג דערויף וואס זיי האבען שוין געזעהן בעשיינפערליך, אז די גאנצע שטאדט איז געגען זיי, ווי דאס איז געווען דער גרויסער מאסען-מיטינג אין קינא „שוויט“. ווי אויך די לעצטע קאמפראמיטירענדע זיצונג אין קהלה. וואו אנשטאט אננעמען א רעזאלוציע אויף נישט צולאזען די גמינע, האט זיי די גאלעריע אויסגעפייפט און בשום אופן נישט דערלאזט דערצו — טראץ דעם אלעם האבען זיי נישט געוואלט רעזיגנירען און מיט די לעצטע כחות זיך געקלאמערט אן די מאכט. אפילו אין די לעצטע מינוטען ערב דעם פונאנדערלאזען זענען געפאהרען קיין ווארשא די ה״ה: נטע וויסמאן, מענדיל האראוויטש און מענדיל בלאס. זיי האבען זיך געווענדעט נאך הילף אין נאציאנאל-ראט, וואו נטע וויסמאן האט זיך פארגעשטעלט אלס רעפרעזענטאנט פון מזרחי, מענדיל האראוויטש אלס אונפארטייאישער (געשעמט זיך מיט דער אגודה...) און מענדיל בלאס איז דארט נישט מיטגעגאנגען, מורא-האבענדיג, א פנים, אז די לאנגע בארד זאל איהם נישט „זדראדזשען“ אלס אגודה׳ניק. מיט א נעגאטיווען ענטפער האבען זיי פערלאזט דעם נאציאנאל-ראט. שפעטער האט זיי א ראדאמער געטראפען ארומדרעהען אויף דער וויעיסקא גאס אונטער די מויערן פון סיים. ווען דער זעלבער האט זיי געפרעגט: יודען, וואס כהוט עטך זא האבען זיי געענטפערט, אז זיי ווילען זיך זעהן מיט העשלען און זיי קאנען נישט צוקומען. דער זעלבער האט זיי אריינגעפיהרט און פארגעשטעלט פאר דעפ. העשעל פארבשטיין. אויף זייער ביטע, אז ה׳ פארבשטיין זאל פראגען שתדלנות אין מיניסטעריום, אז מ׳זאל זיי נישט צוטרייבען, האט ה׳ פארבשטיין געענטפערט, אז דאס איז נישט אין די ציוניסטישע אינטערעסען, אז די קהלה זאל ווייטער בלייבען. אויף זייער בעמערקונג וואס ה׳ פארבשטיין האט ערהאלטען א בריעף מכח א אינטערווענץ אין דער הינזיכט פון ה׳ פרענקעל, האט ה׳ פארבשטיין זיי דערויף געענטפערט, אז ער איז שוין גענוי אינפארמירט, אז 99 פראצ. ציוניסטען אין ראדאם זענען געגען ה׳ פרענקעל׳ס פאליטיק און באלד דערנאך זיי געזעגענט, ערקלערענדיג, אז מעהר טהוט ער זיין האנד נישט צו.

די דריי ראדאמער פראטעקציע-זוכער זענען ענטוישטע צוריקגעקומען א היים.


Kino „ODEON" Teatr.

Od PONIEDZIAŁKU d. 10 MARCA 1930 r.

Najnowsze arcydzieło filmowe, wyświetlane niedawno przez szereg tygodni z kolosalnem powodzeniem w olbrzymiem kinie „Coloseum"

— pod tytułem: —

**PRZED WYROKIEM**

Arcyfilm o niebywałej skali uczucia.
Arcydzieło o niebywałej treści i wykonaniu.
Dramat kobiety kochającej nad życie.

W roli głównej płomienna, urocza, zachwycająca

**OLGA CZECHOWA**

Świetnym, subtelnym Jej partnerem jest **WARWICK WARD.**

Dzieje miłości potężnej, miłości która nie zna granic.
Karta z życia kobiety, która dla uratowania ukochanego gotowa jest na wszystko.

Jako uzupełnienie programu, lekki film amerykański p. t.

**W KRAINIE SREBRNYCH LISÓW**

— W roli głównej — świetnie tresowany pies **RIN-TIN-TIN.**

Świetna orkiestra pod dyrekcją J. SZYMKIEWICZA.






**Fałszerze**
podrabiają tylko wartościowe i uznane powszechnie artykuły.
Dlatego też podrabiane są tak często

**tabletki Aspirin.**

Dbając o swe zdrowie należy nabywać tabletki Aspirin tylko w oryginalnem opakowaniu „Bayer" po 6 albo 20 sztuk (w czworokątnem płaskiem pudełeczku tekturowem z czerwoną opaską).

**Do nabycia we wszystkich aptekach.**


צעלאריע בעטען תחנונים ער זאל מיך בעפרייען, אבער דער פולקאווניק איז געווען שטאל און אייזען, נישט אנדערש, נאר איך האב איהם געוואלט ערמארדען. ווען מיין שווער איז גרייט געווען איינצולעגען אלס קויציע זיין הויז, אז איך האב גארנישט געוואלט, אז איך בין א רוהיגער מענש און געבעטען מ׳זאל מיך ארויסלאזען ביז א ווייטערדיגער אויספארשונג. ערשט דאן האט מיך דער פולקאווניק אריינגענומען אין א בעזונדער צימער פון דער קרימינאל-קאנצעלאריע און אונטער פיער אויגען מיך גענומען אויף א פערהער. אויף זיינע פראגען, האב איך געענטפערט, אז איך בין דעם און דעם׳ס א איידעם און, אז די און די, דעם און דעם׳ס א טאכטער איז מיין פרוי.

— אבער פאר וואס — האט דער פולקאווניק זעהר נייגעריג געפרעגט — ביסטו מיר נאכגעגאנגען אויף שריט און טריט? —

— איך בין גלאט אזוי געגאנגען — האב איך געשטאמעלט.—

— ס׳איז נישט אמת, דו האסט מיך פערפאלגט. זאג ליבערשט דעם אמת, וועט דיר בעסער זיין,—האט ער גע[illegible]כערט זיין שאהן.—

— איך האב געוואלט אייך אנקוקען הערר פולקאווניק? —

— האסטו נישט געהאט גענוג איין מאהל, צוויי מאהל, דריי מאהל? צו וואס ביסטו מיר כסדר נאכגעלאפען און נישט אבגעטרעטען פון מיר אפשר א שעה-צייט. וואס בעדייט דאס? פאר וואס זאגסטו נישט? — איז דער פולקאווניק געווארען מילדער און ארויסגערעדט שוין אין א ווייכערען טאהן.

— איך האב געוואלט איבערצייגען זיך צי איהר זענט ענליך צו עמיצען — בין איך אליין נישט וויסענדיג פון וואס עפעס דרייסטער געווארען:

— צו וועלכען עמיצען? איבריגענס, וואס קען דיך אינטערעסירען, צי איך בין צו עמיצען ענליך — האט דער פולקאווניק געהויבען די פלייצעס און א ביטעל אזוי ווי נערוויסעלט זיך.

— איך וועל נישט זאגען צו וועלכען עמיצען, הערר פולקאווניק. איך פערזיכער אייך נאר. אז איך האב אייך קיין שלעכטס נישט געוואלט טוהן, גיכער האט מיר אנ׳אנדערער שלעכט׳ס געטוהן. —

— ווער האט דיר שלעכטס געטוהן? רעד דייטליכער.—

— איך קאן נישט, איך רעכען, אז איהר וועט אליין פערשטעהן. —

— וואס מיינסטו דערמיט — יעווריעטשיק — האט דער פולקאווניק אפנים זיך געפיהלט געטראפען און ער האט בייז אויסגערופען: — דו ביסט פאר מיר צו-קלוג. דו וועסט אבער נישט ארויס פון תפיסה אזוי לאנג ווי דו וועסט מיר נישט ענטדעקען אלץ וואס דו בעהאלטסט פאר מיר.—

איך האב גארנישט געענטפערט. איך האב בעשטאנען צו בלייבען זיצען אין קרימינאל, איידער צו זיין אויפ׳ן ברית און שפילען א וויסטע ראליע פון א נישט-ריכטיגען טאטען. מיר איז שוין אלץ איינס געווען. זאל שוין זיין וואס וויל. אין מיר האט געקאכט ווי א וואולקאן און איך האב אויסגעשאסען אין א געוויין: — ווסיא ראזונא, גאספאדין פולקאווניק, מיין פרוי האט מען מיר צוגענומען, דאס קינד, וואס מיין פרוי האט געבוירען, איז נישט מיינס, איך האב נישט קיין היים און איך בין העכסט צופרידען צו בלייבען דא אין קרימינאל.—

(פארטזעצונג קומט.)

# קעלצער אבטיילונג.

## וועלכע יודישע האנדווערקער האבען בעקומען אויסצייכנונגען אויף דער בעלגיעשער אויסשטעלונג?

צווישען די פערשידענע פירמעס, פאבריקען און האנדווערקעריי-ווארשטאטען, וואס האבען בעקומען אויסצייכנונגען און דאנק-אויסדרוקען אויף דער בעלגיעשער אויסשטעלונג אין קעלץ — געפינען מיר די נעמען פון פאלגענדע יודישע האנדווערקער אין קעלץ: שניידעריי — ה״ה העסטער, האלצמאן, לערער, דזיאדעק, אמסטאווסקי און קעניגסבערג, און אויך די וועש-גיסעריי פון ה' רעכטמאן.

## גרויסער ראאוט אין דער וואיעוואודזטווא לכבוד דעם אבפאהרען פון ביז-איצטיגען וואיעוואדא ה' קאַרסאַק.

היינטיגען דינסטאג איז קיין קעלץ געקומען דער נייער בעשטימטער וואיעוואדא ה' פאטשיערקאווסקי. ביים אנקומען איז ער אבגעווארט געווארען דורך פערשידענע דעלעגאציעס פון דער גאנצער קעלצער וואיעוואודזטווא. ביינאכט איז פארגעקומען א פייערליכער געזעגענונג'ס-ראאוט לכבוד דעם אבפאהרענדען ה קארסאק אין די זאהלען פון דער וואיעוואודזטווא.

מצד דער יודישער בעפעלקערונג אין קעלצער וואיעוואודזטווא זיינען אנוועזענד געווען די ה״ה הרב קעסטענבערג פון ראדאם, הרב ראפאפארט פון קעלץ, הערמאן לעווי, קאהן, ווארגאן און נאך פיל דעלעגאטען פון בענדין, סאסנאוויעץ, טשענסטאכאוו א. א.

## דער היי-יעהריגער טראדיציאנעלער פורים-באל

אין זאהל פון קינא „פאלאס" וועט שבת דעם 15-טען ה. מ. (שושן פורים) פארקומען א גרויסער פורים-באל. וועלכער ווערט איינגעאָרדענט דורך די פאלגענדע 3 פאפולערסטע און בעליבטסטע יודישע אינסטיטוציעס אין קעלץ: בית-יתומים, קרן-קימת-לישראל און „וויזא".

די דערמאנטע ארגאניזאציעס טוהען זעהר פיעל, אז דער באל זאל ארויסקומען וואס מעהר איבפאזאנט. ס'איז צו האפען, אז דער באל וועט בעזוכט ווערען דורך דער גאנצער יודישער געזעלשאפט אין קעלץ.

## פון יוגענד פערבאנד „מסדה" אין קעלץ

דער פערבאנד פון „מסדה" אין קעלץ מעלדעט, אז היינטיגען שבת 3 ג. מ. קומט פאר אין לאקאל פון ק.ק.ל. (רינעק 10) דאס לעזען פון ערשטען נומער פון דער לעבעדיגער צייטונג מיט'ן אנטייל פון די בעסטע ליטערארישע קרעפטען אין אונזער שטאדט.

אלע חברים ווערען געבעטען צו קומען פינקטליך.

## אימפאזאנטע ציוניסטישע אקאדעמיע מיט'ן אנטייל

## פון ד״ר קלומעל, ד״ר שיפער און סטודענט גאלדשטיין

היינטיגען זונטאג דעם 9-טען מערץ 8 אזייגער אווענד קומט פאר אין זאהל „ארפעאום" א פייערליכע ציוניסטישע אקאדעמיע מיט'ן אנטייל פון חיבערעזעס פון ציוג. צ. ק. ד״ר מ. קלומעל, ד״ר י. שיפער און סטודענט גאלדשטיין, וועלכע וועלען צרויסטרעטען מיט אינטערעסאנטע רעפעראטען איבער די אקטועלסטע ציוניסטישע פראגע.

## פון די יודישע גימנאזיע אין קעלץ

דעם פאריגען חודש זענען דא פארגעקומען די העבר. מאטורעלע עגזאמענס, צו די מינדליכע עגזאמענס איז דעלעגירט געווארען פון פערבאנד פון יודישע מיטעל-שולען אין לאדז — דער ה' ד״ר אריה טארטאקאווער. דער רעזולטאט איז געווען א גלענצענדער: אלע 20 אביטורענטען, וועלכע זענען דורך די דירעקציע צוגעלאזען געווארען צו די עגזאמענס — האבען בעקומען העבר. מאטורע, דערביי איינינע מיט 4-ען און 5-ען און צוויי — ה״ה צבאפליצקי און ווײנריב מיט גאלע פינפען.

דעם לעצטען איז אויפ'ן פארשלאג פון ה' ד״ר טארטאקאווער אויסגעדריקט געווארען אנערקענונג און געווינשען ערפאלג אין זיין ארבייט לטובת הספרות העברית. פון די צוגרייטונג פון די שילער בכלל, איז דער ה' ד״ר טארטאקאווער געווען פשוט ענטציקט.

* * *

די אלגעמיינע פערזאמלונג פון די עלטערן און סימפאטיקער פון די גימנאזיע, וואס האט געזאלט פארקומען זונטאג דעם 3|2 איז — צוליב די נישטינע צאהל אנוועזענדע — אבגעלעגט געווארען אויף זונטאג דעם 3|9. מצד די פערוואלטונג בעט מען אונז מודיע צו זיין אלע פעראינטערעסירטע. דאס די אלגעמיינע פערזאמלונג וועט נישט מעהר אבגעלעגט ווערען, און דאס נים קומען פון די עלטערן וועט נאר מיטווירקען אנצונעמען בעשלוסען, וואס קענען אמאל אויסמאלען נישט גינסטיג פאר א טייל עלטערן און וואס וועלען אבער פערפליכטען אלעמען אפילו די אבוועזענדע.

## גרויסע קאנפערענץ פון אלע ציוניסטישע ארגאניזאציעס אין קעלצער וואיעוואודזטווא

(ר) א גרויסע און שטארקע פעראינטערעסירונג האט אין די היגע ציוניסטישע קרייזען ארויסגערופען די ידיעה, אז אין די נאהנטסטע וואכען זאל אין קעלץ פארקומען א גרויסע קאנפערענץ פון אלע ציוניסטישע ארגאניזאציעס אין קעלצער וואיעוואודזטווא.

ווי מיר דערוויסען זיך, וועלען אין דעם דאזיגען צוזאמענפאהר. טראג די פיעל דעלעגאטען פון העכער 100 שטעדט און שטעדטלעך, זיך אויך בעטייליגען כמעט אלע מיטגלידער פון צ. ק. פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין פוילען מיט די ה״ה דעפ. גרינבוים, הארטגלאס און סענאטארען קערנער, דאווידזאהן בראש.

עס איז פאראויסצוזעהען, אז די קאנפערענץ וועט בעהאנדלען די וויכטיגסטע און ברענענדסטע פראגען, וואס שטעהען אויפ'ן טאג-ארדנונג פון ציוניזם בכלל און פון פוילישען יודענטום בפרט.

צו דער צוגרייטונג פון צוזאמענפאהר איז מצד דעם צ. ק. דעלעגירט געווארען קיין קעלץ אינסטרוקטאר סטודענט גאלדשטיין, וועלכער האט אבגעהאלטען א ספעציעלע זיצונג מיט די ארטיגע ציוניסטען בנוגע דער זאך. אויף דער זיצונג איז געוועהלט געווארען א ספעציעלער סעקרעטאריאט וועגען די קאנפערענץ-ענינים פון די פאלגענדע פערזאנען: פרל' אורבייטעל, ה״ה זיעלאני, ראדאל און פריין.

דעם גענויען טערמין פון צוזאמענפאהר און דעם ארט, ווי ער וועט פארקומען, וועלען מיר מעלדען אין נאהנטסטען נומער פון אונזער צייטונג.


## מענער-גימנאזיע פון די יודישע קהלה אין קעלץ.

די יערליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון עלטערן און סימפאטיקער פון די גימנאזיע, וואס האט געזאלט פארקומען זונטאג 2/3 — איז, צוליב די קליינע צאל אנוועזענדע — נישט צושטאנד געקומען און וועט דעריבער פארקומען **זונטאג 3|9 אין לאקאל פון די יודישע קהלה**

— מיט דעם זעלבען טאג-ארדנונג. —

מיר מאכען אויפמערקזאם אלע עלטערן דאס ס'ליגט אין אייערע אייגענע אינטערעסען די אלגעמיינע פערזאמלונג בייצוואהנען, הייל ס'דארפען אנגענומען ווערען וויכטיגע בעשלוסען, וואס וועלען דעצידירען וועגען ווייטערדיגען רוהיגען קיום פון גימנאזיום. קומט דעריבער אלע פינקליך און זעהט מיטצוהעלפען בויען די גימנאזיע, אויסוועהלענדיג א פערוואלטונג, וועלכע מ'זאל קענען די קאלאסאלע ארבייט פערטרויען.

קעלץ, 4 מערץ 1930. די פערוואלטונג



Firma „UNIWERSUM"

**Herman Ostrowicz i Arnold Müntz**

KIELCE, Sienkiewicza 44.

——— עמפפעהלט: ———

ראווערען, מאטאציקלען, שרייב-מאשינען, קינדער-וואזקעס, ראדיא-אפאראטען, זשארובקעס א. א.

בעסטע צאהלונגס בעדינגונגען — פרייזען די ביליגסטע.

הסתדרות „השומר הצעיר" בפולניה קן ברדום

שבת דעם 8. III.30 2,30 נ. מ. קומט פאָר

## א גראנדיעזע יעהרליכע
# פורים = פארשטעלונג

מיט פאָלגענדען אינהאַלט:

1. דער מנגן פון בית לחם (דראַמע אין 3 אַקטן פון חעסטערצייג) אין יודיש
2. לבסומי בפוריא (פורים קאָמעדיע אין 1 אַקט)

כאָר, סאָלאָ געזאַנג, דועטען, באַלעטען א. אנדערע.

איינצעלהייטן אין פראָגראַמען. ביים פאַרטעפיאַן סאָלאָמאָן באַרענשטיין

די גאַנצע איינקונפט פאר די זומער-קאָלאָניעס פון „השומר-הצעיר".
די גאַנצע ראדאָמער בעפעלקערונג דארף בייוואָנען די גראַנדיעזע פאַרשטעלונג.

---

# בעקאַנטמאַכונג.

דעם 4-טען מערץ איז געפענט געוואָרען

## — א געוועלב —
## מיט עלעקטרישע מכשירים




ס'איז פערזעהן אוים'ס לאַגער אַ גרויסער אויסוואהל עלעקטרישע בעהייצונג ווי:

## פרעס = אייזענס, טשייניקעס
## און קיכלעך א גרויסער אויסוואהל ושיראַנדאָלען און טיש-לאָמפען

אלעס אויף ראטעס — לויט ווארשאָווער פרייזען.

אויסצוצאָהלען ביז א יאָהר צייט נור אויף דעם ראדאָמער פלאץ.

„ELEKTROS" sp. z ogr. odp. — מיט אַכטונג
RADOM, Żeromskiego 33.

---

# UWADZE GOSPODYŃ!!!

Pranie i prasowanie **Firanek** — wykonuje — najwykwintniej
na specjalnie udoskonalonych aparatach
**JEDYNIE**
## Pralnia „EKONOMJA"
RADOM, Żeromskiego 9
— w podwórzu —

Przyjmuje również do prania *wszelkie jedwabie i wełny.*

---

# B I L A N S
*Spółdzielczego Tow. Wzajemnego Kredytu*
**z ogr. odp. w RADOMIU na dzień 31 Stycznia 1930 r.**

| | WINIEN | | MA | |
|---|---|---|---|---|
| Kasa | 3.077 | 30 | | |
| Pożyczki wekslowe | 17.471 | — | | |
| Dyskonto | 9.266 | 25 | | |
| Zaliczki na inkasa | 15.631 | 06 | | |
| Zaległe komorne | 284 | 24 | | |
| Procenty i danino | | | 531 | 72 |
| Prowizja | | | 1.035 | 87 |
| Udziały wpłacone | | | 7.982 | — |
| Wkłady | | | 30.248 | 87 |
| Redyskonto róż. | | | 1.780 | — |
| Ruchomości | 1.468 | 35 | | |
| Koszta administracji | 1.640 | 83 | | |
| Lokaty (P. K. O., Bank Polski) | 719 | 05 | | |
| Udziały własne (w im. inst.) | 50 | — | | |
| Wydatki zwrotne | 19 | 01 | | |
| Korespondenci | | | 1.200 | — |
| Różni za inkaso | | | 108001 | 20 |
| Dokumenty inkas w portfelu | 93.014 | 17 | | |
| „ „ w korespond. | 9.987 | 03 | | |
| Wierzyciele za inkasa | | | 9.410 | 32 |
| Straty i zyski | | | 618 | 31 |
| W-le dyskontowe u korespond. | 1.888 | — | | |
| Wydatki organizacyjne | 1.200 | — | | |
| Weksle protestowane | 92 | — | | |
| | 160.808 | 29 | 160.808 | 29 |

---

# דאַנקזאַגונג.

מיין הארציגען דאַנק דעם ה' שמואל שמולעוויטש פון קעלץ
פאר זיין פרייוויליגען שעהנעם טהאַט בנוגע די פערזאָן ע. פ.

**ישראל משה הערשקאָוויטש**
— קעלץ. —

---







---

*Kino „ŚWIT" Teatr*

Dziś i dni następnych
## DUSZE w NIEWOLI
według powieści B. PRUSA.

---

*Kino ODEON Teatr*

Od poniedziałku dn. 3 Marca
## ■ KULT ■ CIAŁA
— W rolach głównych: —
Agnes Petersen Mozżuchinowa, Michał Victor Varconyi, Eug[illegible]jusz Bodo, Pawel Owerłło.

---

Kino *NOWE CZARY* Teatr

Dziś i dni następnych
## KOBIETA i PAJAC,
w roli głównej Conchita Montenegro
Drugi równorzędny film
*Dziewczęta na rozdrożu*
(Dziewczęta pod kontrolą)
Nad program!
Przegląd tygodniowy PAT-a.

---

*Kino CORSO Teatr*

Dziś i dni następnych
## Przedślubny grzech
Największy szlagier sezonu z najpiękniejszą parą kochanków
Laurą La Plante i John Boles.
## ŻEGNAJ MASCOTTE
— z udziałem —
Igo Syma i Liljany Harvej

---

# Felczer H. GRINSZTAJN Radom, Lubelska 30.

Redaktor Ch. M. Herc          Drukarnia Wyd. „Radomer-Kielser Leben" Radom, Szwarlikowska 30.